— נו, אַ גוטן תמיד.

— לויף נישט. וואָס דאַרף איך טאָן?

— אַזוי רייד! גרייט צו אַ האָניקטייגל פֿון ווײַסטן מעל. טו אַרײַן אַן איי מיט אַ בלוטסטראָפּן, אַ מעסטעלע חזיר־פֿעטס, אַ פֿינגערהוט חלב, אַ בעכערל יין־נסך. צינד אָן שבת דעם פֿײַערטאָפּ און באַק עס אויף די קוילן. אין אַן אומריינער נאַכט רוף דײַן מאַן צו דײַן געלעגער און גיב עס אים צו עסן. צערייץ אים מיט שקר. שלעפֿער אים אײַן מיט שלימזל. ווען ער וועט אָנהייבן שנאָרכן, שער אים אָפּ אַ האַלבע באָרד און איין פּאה. גנבֿע דאָס גאָלד, פֿאַרברען די וועקסלען, די כּתובה צערײַס אויף שטיקלעך. די אײדלשטיינער און דײַן צירונג וואַרף אונטער בײַם חזיר־שלעגער הינטערן פֿענצטער. דאָס וועט זײַן מײַן חתן־מתנה. דערנאָך קום גלײַך צו מיר. איך וועל שוועבן מיט דיר פֿון קראַשניק ביזן מידבר, איבער פֿעלדער מיט הינטשוואָמען, איבער וועלדער מיט ווילקאָלאַקעס, איבער די חורבֿות פֿון סדום, וווּ שלאַנגען זענען סופֿרים, בת־היענהס זינגען, קראָען דרשנען, גנבֿים זענען גבאי־צדקה. מיאוס איז דאָרט שיין, קרום — גלײַך, עבֿירות ווערן באַלוינט, מיצוות — באַשטראָפֿט. פֿון פּײַן און מאַטער מאַכט מען טעאַטער, מאָדעס פֿאַרוועלקן ווי גרעזלעך, כּיבודים פּלאַצן ווי בלעזלעך. צונג־מלאכה איז די בעסטע מערכה. מער פֿון אַלע זאַכן גילט דאָרט שפּאָטן און לאַכן. אָבער אײַל דיך צו, ווײַל די אייביקייט אונדזערע איז קורץ.

— כ׳האָב מורא, שדל, כ׳האָב מורא.

— אַלע האָבן מורא, אָבער אַלע קומען צו אונדז.

זי האָט געוואָלט נאָך פֿרעגן און געפֿינען אָפּפֿרעגענישן אין מײַנע רייד, אָבער איך בין בײַ צײַטנס צעגאַנגען. זי האָט צוגעלייגט די ליפּן צום שפּיגל און מיך געטאָן אַ קוש — הינטערן ווײדל.

### ג

דער טאַטע האָט געוויינט. דער מאַן האָט געריסן די פּאות. די דינסט האָט געזוכט אין האָלצקאַמער און אין קעלער. די שוויגער האָט מיט אַ לאָפּעטע גענישטערט אין קוימען־אויוון. בעל־עגלות און קצבֿים זענען אַוועק זוכן די פֿאַרלוירענע צירל אין די וועלדער. אין דער נאַכט האָט מען אָנגעצונדן שטורקאַצן און די קולות האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ סך ווידערקולות. צירל, וווּ ביסטו? צירל, צירל! מ׳האָט חושד געווען, אַז זי איז אַוועק אין קלויסטער, נאָר דער גלח האָט געשוווירן בײַם יויזל, אַז נישט. מ׳האָט געשיקט נאָך אַ בעל־מופֿת, אַ כּישוף־מאַכערין, אַן אַלטע גויע וואָס גיסט וואַקס און אַ מאַן וואָס ווײַזט פֿאַרלוירענע און געשטאָרבענע אין אַ שוואַרצן שפּיגל. דער פּריץ האָט אויסגעליִען הינט וואָס קאָנען שמעקן די טריט. אָבער וואָס איך נעם צו, איז על קרן הצבֿי. כ׳האָב אויסגעשפּרייט די פֿליגל און בין געפֿלויגן. די צירל האָט גערעדט צו מיר, נאָר כ׳האָב מיך געמאַכט טויב. אין סדום האָב איך געהויערט אַ ווײַל איבער לוטס ווײַב. דרײַ אָקסן האָבן געלעקט איר נאָז. אין אַ הייל איז לוט געלעגן מיט די טעכטער — שיכּור ווי לוט. אין דעם עולם־הדמיון, וואָס מ׳רופֿט די וועלט, טוט זיך אַלץ פֿאַרענדערן. אָבער פֿאַר אונדזערע לײַט שטייט די צײַט. אָדם איז נאָך נאַקעט, חווה גלוסט, די שלאַנג רעדט צו. קין הרגעט הבֿלן, אַ פֿלוי ליגט מיט אַ העלפֿאַנט, דאָס מבול גיסט, ייִדן קנעטן ליים אין מצרים. איובֿ איז קרעציק און שאָבט די קרעץ. ער׳ט אַזוי קראַצן ביזן סוף פֿון אַלע דורות, אָבער קיין טרייסט וועט ער נישט געפֿינען.

ס׳פֿירט זיך, אַז איטלעכער מ׳פֿירט אָפּ אַ רשע אין גיהנום, מאַכן די לצים אים אַ שפּיל. בײַם באַרג שעיר האָב איך צירלען אָוועקגעשטעלט און געזאָגט צו איר:

— דאָ וואַרט.

זי וויל רעדן צו מיר, אָבער איך טו אַ פֿלאַטער מיט די פֿליגל און בין נישטאָ. מײַן שליחות איז אָפּגעטאָן. איך ליג אויף אַ שפּיץ פֿעלדז ווי אַ טויטע פֿלעדערמויז און בלינצל מיט בלינדע אויגן. די ערד איז ברוין, דער הימל איז געל. שדים שטייען אין רעדלעך, פֿאָכען מיט די ווײדלען. צוויי שילדקרעטן קושן זיך. אַ שטיין אַ זכר באַהעפֿט זיך מיט אַ שטיין אַ נקבֿה. ס׳באַווײַזן זיך שבֿרירי און ברירי. שבֿרירי — אין געשטאַלט פֿון אַ פּריצל, מיט אַ שפּיציקן קאָלפּאַק, אַ קרומער שווערד, גענדזענע פֿיס, אַ ציגענער באָרד. ער טראָגט ברילן אויף דער ניאַניע און רעדט דײַטשמעריש. ברירי איז אַ מאַלפּע, אַ פּאָפּוגײַ, אַ ראַץ און אַ פֿלעדערמויז. שבֿרירי טוט זיך אַ נייג ביז די לענדן און זינגט אויס ווי אַ בדחן:

האָצע פּלאָצע,
דאָס איז די מעצאָצע.
צירל שמירל,
עפֿן דײַן טירל.
לאָמיר פֿירן אַ ליבע
ביזן גרובע.

"Well, then, good-by."

"Don't hurry off like that. What do I have to do?"

"Now you are being reasonable. Make some dough with the whitest of flour. Add honey, menstrual blood, and an egg with a bloodspot, a measure of pork fat, a thimbleful of suet, a goblet of libatory wine. Light a fire on the Sabbath and bake the mixture on the coals. Now call your husband to your bed and make him eat the cake you have baked. Awaken him with lies and put him to sleep with profanity. Then when he begins to snore, cut off one half of his beard and one earlock, steal his gold, burn his promissory notes, and tear up the marriage contract. After that throw your jewels under the pig butcher's window—this will be my engagement gift. Before leaving your house, throw the prayer book into the rubbish and spit on the *mezuzah*, at the precise spot where the word *Shadai* is written. Then come straight to me. I'll bear you on my wings from Krashnik to the desert. We'll fly over fields filled with toadstools, over woods inhabited by werewolves, over the ruins of Sodom where serpents are scholars, hyenas are singers, crows are preachers, and thieves are entrusted with the money for charity. There ugliness is beauty, and crooked is straight; tortures are amusement, and mockery, the height of exaltation. But hurry, for our eternity is brief."

"I'm afraid, little devil, I'm afraid."

"Everyone who goes with us is."

She wished to ask questions, to catch me in contradictions, but I made off. She pressed her lips against the mirror and met the end of my tail.

### III

Her father wept; her husband tore his hair; her servants searched for her in the woodshed and in the cellar; her mother-in-law poked with a shovel in the chimney; carters and butchers hunted for her in the woods. At night, torches were lit and the voices of the searchers echoed and re-echoed: "Zirel, where are you? Zirel! Zirel!" It was suspected that she had run off to a convent, but the priest swore on the crucifix that this was not so. A wonder worker was sent for, and then a sorceress, an old Gentile woman who made wax effigies, and finally a man who located the dead or missing by means of a black mirror; a farmer lent them his blood hounds. But when I get my prey, it is reprieved by no one. I spread my wings and we were off. Zirel spoke to me, but I did not answer. When we came to Sodom, I hovered a moment over Lot's wife. Three oxen were busy licking her nose. Lot lay in a cave with his daughters, drunk as always.

In the vale of shadow which is known as the world everything is subject to change. But for us time stands still! Adam remains naked, Eve lustful, still in the act of being seduced by the serpent. Cain kills Abel, the flea lies with the elephant, the flood falls from heaven, the Jews knead clay in Egypt. Job scratches at his sore-covered body. He will keep scratching until the end of time, but he will find no comfort.

She wished to speak to me, but with a flutter of wings I disappeared. I had done my errand. I lay like a bat blinking sightless eyes on a steep cliff. The earth was brown, the heavens yellow. Devils stood in a circle wiggling their tails. Two turtles were locked in an embrace, and a male stone mounted a female stone. Shabriri and Bariri appeared. Shabriri had assumed the shape of a squire. He wore a pointed cap, a curved sword; he had the legs of a goose and a goat's beard. On his snout were glasses, and he spoke in a German dialect. Bariri was ape, parrot, rat, bat, all at once. Shabriri bowed low and began to chant like a jester at a wedding:

*"Argin, margin,*
*Here's a bargain.*
*A pretty squirrel,*
*Name of Zirel.*
*Open the door,*
*To love impure."*

